**איף תיכף ארויסצוגעבן: 1/9/2024** **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול'ס 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע פון 2024: אונזער ניו יארק, אונזער צוקונפט**

***פובליק זיכערהייט אינציאטיוון וועלן באקעמפן האסע פארברעכנס, משפחה אביוז און ריטעיל געשעפט גניבות; געזעץ וועט שטרענג באהאנדלען אומלעגאלע קאנאביס געשעפטן***

***באהאנדלונג פאר ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן וועט פארבעסערט ווערן מיט 200 נייע פסיכיאטרישע אנשטאלט בעטן, פארבעסערטע שפיטאל באפרייאונג פראצעדורן, פינאנצירונג צו איבערייטערן גייסטישע געזונטהייט געריכט***

***מיט קינדער און צענערלינגען איבעשטייענדיג גייסטישע געזונטהייט קריזיס, שלאגט גאווערנער פאר א סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניק פאר יעדע סקול וואס וויל איינס***

***קומענדיגע פאזע פון לאנג-טערמיניגע האוזינג אגענדע וועט זיין קאנצענטרירט צו פארמערן צאל הייזער אין ניו יארק סיטי; טויזנטע נייע האוזינג יוניטס צו אויפגעבויט ווערן אויף שטחים אין סטעיט רעגירונג'ס אייגנטום***

***פארזעצן ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פאליסיס בשעת'ן פארזיכערן אז די ריינע ענערגיע רעוואלוציע איז אפאָרדעבעל פאר אלע ניו יארקער; אוועקשטעלן אמביציעזע ציהל צו איינפלאנצן 25 מיליאן ביימער אין לויף פון קומענדיגע צען יאר***

***SUNY און CUNY סקולס וועלן אפפערן צו דירעקט אננעמען העכסטע 10% פון שילער אין ניו יארקע היי סקולס***

***Second Avenue סאָבוועי פלאנירט צו פארלאנגערט ווערן ביז בראדוועי; אינטערבאָראָ עקספרעס רוקט זיך פאראויס***

***אין לויף פון פארגאנגענע וואך, האט די גאווערנער אויפגעדעקט א קליענט באשיצונג און אפארדעביליטי אגענדע; "צוריק צו די יסודות" לייענען פלאן; מוטערליכע און נייגעבוירענע קינדער געזונטהייט פלאן;NY SWIMS; Empire AI גרופע; און אפיס פון סערוויס און בירגערליכע מיטארבעט***

***204 דורכברעכנדע פארשלאגן וועלן מאכן ניו יארק מער אפאָרדעבעל, מער איינוואוינער-פריינטליך און זיכערער***

***2024 סטעיט אָוו די סטעיט רעדע – "אונזער ניו יארק, אונזער צוקונפט" – פארעפנטליכט דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויפגעטרעטן מיט די 2024 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע און פארעפנטליכט איר "אונזער ניו יארק, אונזער צוקונפט" אגענדע. די 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעכנט אריין 204 אמביציעזע אינציאטיוון צו מאכן ניו יארק מער אפאָרדעבעל, מער איינוואוינער-פריינטליך און זיכערער.

"ניו יארק סטעיט איז שטערקער, געזונטער, זיכערער און מער אפאָרדעבעל פון וויאזוי עס איז געווען צוויי יאר צוריק ווען איך בין געווארן גאווערנער, אבער עס איז נאך דא מער ארבעט צו טוהן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "יעדע פארשלאג וואס ווערט היינט אנאנסירט דינט צו פארבעסערן אונזער סטעיט און צו זיכער מאכן אז אונזערע קאמיוניטיס טוהען נישט בלויז איבערלעבן נאר אז זיי בליהען. אונזער ניו יארק איז אונזער צוקונפט, און די צוקונפט איז לעכטיגער פון סיי ווען."

## באקעמפן פארברעכן און האלטן ניו יארקער זיכער

זינט גאווערנער האקול איז אריין אין אפיס צוויי יאר צוריק, זענען שיסערייען און מערדערייען אראפ מיט הויכע פראצענטן. כדי צו ארויפבויען אויף די פארשריט, שלאגט גאווערנער האקול פאר:

- זיך שטרענג אראפלאזן אויף ריטעיל געשעפט גניבות מיט א ספעציעלע סטעיט פאליציי 'בליץ גניבות' (Smash and Grab) איינהייט און מיט א געמיינזאמע אפעראציע אויף ריטעיל געשעפט גניבות דורך עטליכע אגענטורן צוזאמען
- נייע איניציאטיוון פון די אפיס פאר גאן פארברעכן פארמיידונג ( Office of Gun Violence Prevention) צו פארזעצן פארשריט אין קאמף קעגן גאן פארברעכן
- צושטעלן נייע פינאנצירונג און כלים פאר פראקורירער צו האלטן אביוזערס אינדערהיים פאראנטווארטליך
- ערלויבן נאך סארטן פארברעכנס, ווי גראפיטי און אונטערצינדן פייערן, צו אנגעקלאגט ווערן אלס האסע פארברעכנס
- נייע געזעץ צו [זיך שטרענג באגיין מיט אומלעגאלע קאנאביס געשעפטן](#) וואס גראבן אונטער פובליק געזונטהייט און שטערן קאמיוניטיס

## באהאנדלען ערנסטע גייסטישע קראנקהייטן וואס דראעהן אויף פובליק זיכערהייט

צענדליגע יארן פון ארויסגעצויגענע אינוועסטירונגען פון גייסטישע געזונטהייט האבן א חורבנות-אנזייענדע אפעקט אויף אונזער סטעיט, און אלס רעזולטאט פאלן צופיל שוואכערע ניו יארקער אריבער צווישן די שפאלטן. גאווערנער האקול שלאגט פאר:

- עפענען 200 נייע פסיכיאטרישע אנשטאלט בעטן אונטער אן אויסברייטערונג פלאן אויסגעשפרייט איבער עטליכע יאר
- אוועקשטעלן א געזעץ אינפארסירונג און גייסטישע געזונטהייט קאארדינאציע מאנשאפט און פינאנצירן קריזיס אינטערוועניץ טרענירונג פאר געזעץ אינפארסירונג
- פארבעסערן גייסטישע געזונטהייט איינטריט און באפרייאונג פראצעדורן פאר שפיטעלער
- פינאנצירן גייסטישע געזונטהייט געריכט אויסברייטערונג און געריכט-באזירטע גייסטישע געזונטהייט ספעציאליסטן
- פארמערן די צאל איבערגאנג האוזינג און ספעציאליזירטע האוזינג

## אדרעסירן די גייסטישע געזונט קריזיס צווישן יונגווארג

נאכן צוזאמרופן ניו יארק'ס סאמע ערשטע כינוס איבער גייסטישע געזונטהייט צווישן יונגווארג אין 2023, פארפליכטעט זיך גאווערנער האקול פונדאסניי מיט אירע באמיאונגען צו העלפן קינדער און צענערלינגען וואס מוטשענען זיך דורכן:

- צושטעלן הילפס-מיטלען פאר סקולס כדי יעדע סקול וואס ווילל זאל קענען עפענען א סקול-באזירטע גייסטישע געזונטהייט קליניק
- אוועקשטעלן נייע 'אסערטיוו קאמיוניטי טריעטמענט (Assertive Community Treatment, ACT) מאנשאפטן פאר יונגווארג אריבער די סטעיט
- אויסברייטערן הלוואה באצאלונג פראגראמען פאר גייסטישע געזונטהייט פראפעסיאנאלן פאר קינדער
- שטופן צו אריבערפירן א געזעץ וואס וועט האלטן סאָושעל מידיע פירמעס פאראנטווארטליך

## טראנספארמירן און פארשטערקערן ניו יארק'ס העלט קעיר סיסטעם

כדי צו סטאביליזירן און טראנספארמירן די סטעיט'ס העלט קעיר סיסטעם, האט גאווערנער האקול אנאנסירט אן אמביציעזע העלט קעיר אגענדע וואס רעכנט אריין:

- אויסברייטערן אפאָרדעבעל העלט קעיר אפציעס דורך 'NY סטעיט אָוו העלט' און דורך בעסערע צוטריט צו פאמיליע דאקטוירים
- פארזעצן מיט אגרעסיווע באמיאונגען צו באקעמפן דעם אפּיויד קריזיס און שטיצן מענטשן וואס ראנגלען זיך מיט אדיקשען
- שטיצן פראָווייַדערס דורכן עפענען די העלט קעיר 'סעיפטי נעט' טראנספארמאציע פראגראם (Health Care Safety Net Transformation Program) און פארשטערקערן סייבער-סעקיוריטי
- פארבעסערן צוטריט צו גייסטישע געזונטהייט און אדיקשען סערוויסעס דורכן אויסברייטערן דעקונג פאר סערוויסעס וואס זענען נישט אין די נעטווארק ווען עס זענען נישטא קיין צייטליכע אפוינטמענטס צו באקומען אין די געדעקטע נעטווארק.

## די קליענט באשיצונג און אפארדעביליטי אגענדע

אלס טייל פון די בודזשעט פון לעצטע יאר האט גאווערנער האקול פארזיכערט א היסטארישע◌העכערונג פון די מינימום געהאלט צו העכערן די געהאלטן ביז 2027 און דערנאך עס מאכן וואקסן צוזאמען מיט אינפלאציע — א טויש וואס האט אנגעהויבן ארייגנגיין אין קראפט דעם חודש. כדי צו ארויפבויען אויף איר מיסיע צו באשיצן ניו יארקע קונדן און האלטן געלט אין ניו יארקער'ס קעשענעס, וועט גאווערנער האקול:

- פארשלאגן די ערשטע אויסברייטערונג פון ניו יארק'ס קליענט באשיצונג געזעץ אין מער פון 40 יאר
- פאראויס ברענגען א געזעץ צו זיכער מאכן אז 'קויף יעצט און באצאל שפעטער' הלוואה פירמעס באהאנדלען קונדן מיט יושר
- אויסברייטערן באצאלטע מעדיצינישע און דיסאביליטי אורלויב בענעפיטן אין לויף פון די קומענדיגע פינף יאר
- עלימינירן דאס דארפן צאלן קאָו-פּעיס ארויס פון די אייגענע קעשענע פאר אינסולין אז סיי וועלכער ניו יארקער וואס איז אויף א סטעיט-רעגולירטע העלט אינשורענס פלאן
- באקעמפן מעדיצינישע חובות און באשיצן ניו יארקער מיט נידעריגע איינקונפט פון מעדיצינישע חובות קלאגעס

## אדרעסירן דעם האוזינג קריזיס דורכן פארגרעסערן די צאל הייזער

גאווערנער האקול איז פארפליכטעט צו אדרעסירן ניו יארק סיטי'ס האוזינג קריזיס, און זי וועט זיך קאנצענטרירן אין 2024 צו גיבן פאר ניו יארק סיטי די כלים וואס זיי דארפן צו בויען מער הייזער. פארשלאגן רעכענען אריין:

- א פארשלאג מיט פיר חלקים צו העלפן ניו יארק סיטי פארגרעסערן איר האוזינג סופליי דורכן גיבן אן אנרייץ פאר קאנסטרוקציע פון נייע הייזער, אריינרעכענענדיג אפאָרדעבעל האוזינג; מוטיגן פראיעקטן צו פארוואנדלען אפיסעס צו אפאָרדעבעל האוזינג; ערלויבן ניו יארק סיטי צו פארמערן געדיכטקייט פון וואוינונגען אין געוויסע פראיעקטן; און לעגאלע קעלער און בעיסמענט אפארטמענטס
- אוועקטשעלן א 500 מיליאן דאלארדיגע אינפראסטרוקטורישע אינוועסטירונג קאסע צו שטיצן די דעוועלאפמענט פון ביז אזויפיל ווי 15,000 יוניטס פון האוזינג אויף שטחים אין די סטעיט רעגירונג'ס אייגנטום
- פארשטערקערן דעם 'האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס' (Pro-Housing Communities) פראגראם דורכן מאכן סערטיפיקאציע א פאדערונג כדי צו קענען באקומען פון די 650 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג וואס די סטעיט האט שיקול הדעת וויאזוי צו אויסגעבן
- אונטערנעמען שריט צו באקעמפן האוזינג דיסקרימינאציע קעגן מענטשן וואס באקומען סעקשען 8 וואַוטשערס און אפאָרדעבעל האוזינג פראָווײדערס

## פארשטערקערן ניו יארק'ס עקאנאמיע

גאווערנער האקול בלייבט פארפליכטעט צו מאכן ניו יארק פאר די מערסטע ביזנעס-פריינטליכע און ארבייטער-פריינטליכע סטעיט אינעם לאנד. כדי צו ארויפבויען אויף איר פארשריט אין ריכטונג פון בויען אן עקאנאמיע פון די 21'סטע יאר הונדערט אין ניו יארק סטעיט, וועט גאווערנער האקול:

- אוועקשטעלן Empire AI, א גרופע – די ערשטע פון די סארט – צו אויפשפארן די עקאנאמישע פאטענציאל פון ארטיפישעל אינטעלידזשענס
- פארשטערקערן סטעיט באמיאונגען צו אנגרייטן ארבייטער פאר די דזשאבס פון מארגן דורכן אוועקשטעלן א נעטווארק פון פיר פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג טרענירונג צענטערן לענגאויס די I-90 שאסיי אין אפסטעיט ניו יארק
- מאכן וואקסן סטעיט-ברייטע ביזנעס צוציהאונג באמיאונגען מיט א 100 מיליאן דאלארדיגע איבערבייטערונג פון דעם FAST NY פראגראם וואס גרייט אן שטחים צו קענען אנהויבן אויפגעבויט ווערן
- שטיצן אימיגראנט ביזנעס לייט צו פאראויס טרייבן ערפינדונג און עקאנאמישע וואוקס
- זוכן שטערקערע שוץ מאסנאמען קעגן געהאלט גניבה און קינדער ארבעט געזעץ פארלעצונגען
- איבערבייטערן די סטעיט'ס ארבעטסקראפט דורכן אוועקנעמען שטרויכלונגען צו אויפנעמען קוואליפיצירטע קאנדידאטן

## פארזיכערן אז ניו יארק'ס ריינע ענערגיע צוקונפט איז אפאָרדעבעל

גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו ענערגיע אפארדעביליטי האט געפירט צו א דורכשניטליכע איינגעשפארטע סומע פון $1,400 פאר יעדן בארעכטיגטן יוטיליטי פירמע קליענט. גאווערנער האקול נעמט אונטער שריט צו איבערבייטערן די איינגעשפארטע סומעס דורכן:

- ארויפברענגען א געזעץ צו שטיצן פאראנטווארטליכע, גערעכטע און ווירקזאמע גאז סיסטעם אריבערגאנג פלאנירונג
- ארויפברענגען א געזעץ צו צוזאמשטעלן די פראצעדורן אויף איין פלאץ פאר די ענווייראמענטאלע איבערבליק און די פערמיט פראצעדור פאר גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און דראטן איינריכטונגען

- ארויסקומען מיט א סטעיט-ברייטע 'סאלאר פאר יעדן' (Statewide Solar for All) אינציאטיוו צו גיבן אן עלעקטריציטעט ביל קרעדיט פון $40 יעדעס יאר פאר מער פון 800,000 הויזגעזינדער

**באשיצן ניו יארקער פון עקסטרעמע וועטער**
אזוי ווי עקסטרעמע וועטער ווערט א מער אפטע ערשיינונג אריבער די סטעיט, איז גאווערנער האקול אויפגעקומען מיט אן ארומנעמיגע שטאנדהאפטיגקייט פלאן צו האלטן ניו יארקער זיכער, אריינרעכנענדיג דורכן:

- מאכן היימער מער שטאנדהאפטיג, אויסברייטערן פראגראמען פאר מענטשן צו פארקויפן זייערע היימער פון זייער פרייע ווילן און פאראדערענדיג די קאָודס קאונסיל צו איבערארבעטן די געביידע רעגולאציע קאָודס
- באשיצן קאמיוניטיס דורך גרויסארטיגע אינוועסטירונגען אין סטעיט-ברייטע קאטאסטראפע אפרופונג און דורכן אויסשטאטן לאקאלע רעגירונגען מיט נייע כלים
- זיך אפרופן צו עקסטרעמע היצן דורך פינאנצירונג פאר קילונג קאפאציטעט ביי סקולס און צושטעלן עיר קאנדישאנערס פאר מעדיציניש-שוואכע ניו יארקער
- פאררעכטן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור און מאכן סטעיט אגענטורן מער ענווייראמענט-פריינטליכע און קלימאט-שטאנדהאפטיג

**אפהיטן ניו יארק'ס אויסערגעווענטליכע נאטורליכע קוועלער**
כדי צו ארויפבויען אויף די הצלחה פון דעם 4.2 ביליאן דאלארדיגן 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ' ( Clean Water, Clean Air and Green Jobs Environmental Bond Act) און וואסער פינאנצירונג פראגראמען, גייט גאווערנער האקול פאראויס מיט טראנספארמאטיווע ענווייראמענטאלע באשיצונג פלענער, אריינרעכנענדיג:

- איינפלאנצן 25 מיליאן ביימער ביז 2033, מיט א קאנצענטראציע אויף שטאטישע געגנטער צו פארגרינגערן עקסטרעמע היץ
- באשיצן ריינע וואסער און אוועקשטעלן נייע אינציאטיוון צו ארויסהעלפן לאקאלע רעגירונגען צו נאכקומען זייערע טרונקען וואסער און ריינע וואסער פינאנצירונג באדערפענישן.
- באשיצן אונזערע לעיקס דורכן שיקן וויכטיגע אינוועסטירונגען צו אדרעסירן די אורזאכן פון שעדליכע אַלדזשי שפּראָצונגען
- [NY SWIMS](): די ניו יארק סטעיט-ברייטע אינוועסטירונג אין מער שווימען

**אויסברייטערן צוטריט צו אפּאָרדעבעל העכערע בילדונג פון א הויכע קוואליטעט**
גאווערנער האקול איז איבערגעגעבן צו שטיצן פובליק העכערע בילדונג און צו העלפן סטודענטן באקומען אן אפּאָרדעבעל בילדונג פון א הויכע קוואליטעט. אין די 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע פון 2024 שלאגט גאווערנער האקול פאר:

- אפפערן דירעקטע איינטריט פאר אויסגעצייכנטע שילער פון די העכסטע 10 פראצענט פון ניו יארקע היי סקול קלאסן גראד צו SUNY און CUNY קאמפוסן
- נייער געזעץ וואס פאדערט סקול דיסטריקטס צו זיכער מאכן אז יעדער שילער אין דעם לעצטן יאר פון היי סקול פילט אויס די FAFSA
- זיכער מאכן אז בארעכטיגטע סטודענטן נוצן אויס SNAP בענעפיטן צו אדרעסירן עסנווארג אומזיכערהייט צווישן קאלעדזש סטודענטן

- פארמערן באטייליגונג אין וואלן דורך קאלעדזש סטודענטן דורכן פארלאנגען פון SUNY און CUNY צו צושטעלן אינפארמאציע איבער וויילער רעגיסטראציע אין פארשידענע קאמפוס אינפארמאציע פאפמלעטן

## "צוריק צו די יסודות" פלאן צו פארבעסערן לייענען פעהיגקייט

די לייענען מאטעריאלן וואס ווערן אויסגעלערנט אין פילע סקולס פאר די פארגאנגענע צוואנציג יאר איז אויפגעוויזן געווארן צו זיין נישט ווירקזאם — באזונדערס פאר סקול קינדער מיט דיסלעקסיע אדער די וועלכע לערנען ענגליש אלס א צווייטע שפראך. גאווערנער האקול שלאגט פאר:

- איר "צוריק צו די יסודות" לייענען פלאן צו אונטערנעמען סטעיט-ברייטע שריט צו זיכער מאכן אז יעדע סקול דיסטריקט באנוצט זיך מיט די רעקאמענדירטע שיטות צו אויסלערנען קינדער צו לייענען וואס זענען באזירט אויף אן אויפגעוויזענע וויסנשאפטליכע צוגאנג צו לייענען.
- א 10 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו טרענירן 20,000 לערער אין "וויסנשאפט פון לייענען" קלאסן
- א SUNY און CUNY 'מייקראָו-קרעדענטשעל' פראגראם פאר לערער צו זיכער מאכן אז דער קומענדיגער דור פון מחנכים באנוצן זיך מיט אויפגעוויזענע רעקאמענדירטע שיטות
- פארמערן באטייליגונג אין וואלן דורך קאלעדזש סטודענטן דורכן פארלאנגען פון SUNY און CUNY צו צושטעלן אינפארמאציע איבער וויילער רעגיסטראציע אין פארשידענע קאמפוס אינפארמאציע פאפמלעטן

## בעסערע טראנספארטאציע, זיכערערע גאסן

גאווערנער האקול האט געמאכט טראנספארמאטיווע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען וואס וועלן טראנספארמירן די וועג וויאזוי ניו יארקער וואוינען, ארבעטן און קומען אן פון איין פלאץ צום אנדערן. אלס טייל פון די 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, שלאגט זי פאר צו:

- פלאנירן די אויסברייטערונג פון די Second Avenue סאָבוועי ביז בראדוועי
- זיך רוקן פאראויס צו די אינדזשענירונג פאזע פון די 'אינטערבאָראָו עקספרעס'
- באקעמפן די ערשיינונג פון דרייווערס און סאָבוועי פאסאנזשירן וואס דרייען זיך ארויס פון צאלן טיקעטס אדער טאל
- גיבן כלים פאר ניו יארק סיטי צו אראפנידערן אירע אייגענע ספיעד לימיטס דורך "סעמי'ס געזעץ"

## שטיצן ניו יארק'ס קינדער און פאמיליעס

אלס ניו יארק'ס ערשטע מאמע וואס איז א גאווערנער, שלאגט גאווערנער האקול פאר אן ארומנעמיגע צוגאנג צו באשיצן ניו יארק'ס קינדער און פאמיליעס. דאס שליסט איין:

- נייע 7 ביליאן דאלארדיגע מעדיקעיד אינציאטיוו פארזיכערט פון דיביידן אדמיניסטראציע
- [זעקס-נקודות'דיגע מוטערליכע און נייגעבוירענע בעיביס געזונטהייט אגענדע]
- פארמערן צוטריט צו טשיילד קעיר פון א הויכע קוואליטעט און גיבן נייע גרענטס און אנרייץ מיטלען פאר פראָווײַדערס
- ארבעטן מיט די פעדעראלע רעגירונג צו צושטעלן מעדיקעיד און קינדער'ס העלט אינשורענס פראגראם (Children's Health Insurance Program, CHIP) פינאנצירונג פאר בארעכטיגטע קינדער ביז די זעקס יאר אן אפשטעלונג
- פארזיכערן 200 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג פאר נערונג הילף פון די USDA'ס זומער EBT פראגראם

- 50 מיליאן דאלארדיגער אנטי-ארימקייט פילאט פראגראם ציהלנדיג שטעט אין אפסטעיט ניו יארק מיט הויכע ארימקייט ראטעס

## [ארבעטנדיג פאר אן אינקלוסיוועו ניו יארק]

אין א צייט ווען האסע און דיסקרימינאציע פארברעכנס פארמערן זיך מוזן ניו יארקער שטיין צוזאמען. גאווערנער האקול שלאגט פאר:

- אויסברייטערן שטיצע פאר ניו יארקער מיט דיסאביליטיס דורך פארמערטע איינגלידערונג, באשעפטיגונג און זעלבסטשטענדיגע וואוינונג געלעגנהייטן
- נייע פארפליכטונג צו ארטיגע שבטים, אריינרעכענענדיג אויסברייטערונג פון צאן-דאקטאר באהאנדלונג
- אונטערנעמען שריט צו פארשטערקערן אינפארמאציע פריוואטקייט פאר אבארשען פראָוויידערס
- פארשטערקערן סערוויסעס פאר +LGBTQ און TGNCNB ניו יארקער
- אויסברייטערן גייסטישע געזונטהייט שטיצע פאר- און אנערקענונג פון ניו יארק סטעיט'ס וועטעראנען

## [פארשטערקערן ניו יארק'ס אגריקולטורישע אינדוסטריע]

פארשלאגן צו פארשטערקערן ניו יארק'ס מילכיגס און אגריקולטורישע אינדוסטריע וועלן שטופן פאר א מער שטאנדהאפטיגע צוקונפט פאר די סטעיט'ס אגריקולטור, עסנווארג און וואלד וויסנשאפט אינדוסטריעס. די פארשלאגן רעכענען אריין:

- פינאנציעל פארשטערקערן ניו יארק'ס מילכיגס אינדוסטריע
- א פולע רייע פון ארבעטסקראפט-פארשטערקערנדע כלים געשאפן און פארוואלטעט דורך קארנעל אוניווערסיטעט'ס אגריקולטורישע ארבעטסקראפט אנטוויקלונג פראגראם
- שטופן פאר א 'איין געזונטהייט' (One Health) צוגאנג
- פארמערן אגריקולטורישע פירערשאפט און בילדונג געלעגנהייטן פאר יונגווארג
- מאכן וואקסן ניו יארק'ס ביאלאגישע עקאנאמיע
- ארויסקומען מיט א 'בלויע' (ים) עסנווארג טראנספארמאציע

## [אינספירירן שטערקערע קאמיוניטיס דורך אפיס פון סערוויס און בירגערליכע מיטארבעט אנגעפירט דורך ליוטענאנט גאווערנער]

די גענצליך נייע 'אפיס פון סערוויס און בירגערליכע מיטארבעט' ( Office of Service and Civic Engagement) אינערהאלב דעם ליוטענאנט גאווערנער'ס אפיס וועט אויפזעהן איבער די סטעיט-ברייטע סטראטעגיע צו שאפן צוגענגליכע געלעגנהייטן צו טוהן ציבור'ישע ארבעט. די אפיס וועט אוועקשטעלן אן 'עמפייער סטעיט סערוויס קארפוס פראגראם' (Empire State Service Corps Program) בשותפות מיט SUNY, נאכגעמאכט נאך די מאדעל פון די קאליפארניע קאלעדזש קארפוס צו פארבינדן סטודענטן מיט געלעגנהייטן צו באדינען זייערע קאמיוניטיס. ציבור'ישע ארבעט געלעגנהייטן קענען אריינרעכענען גיבן פריוואטע קלאסן פאר סקול קינדער, פארטיילן מאלצייטן פאר נויטבאדערפטיגע און אונטערנעמען קלימאט שריט.

###